# צאצאינו

תלמוד תורה בית יודא ד'טאהש

אנטוויקלונגען | פארשריט | וויכטיגע ידיעות | באריכטן | אויסצוגן | און נאך

א בליק אינערהאלב די אפטיילונגען פון מוסדינו הק'

גליון ח | חודש אב תשפ"ה




עֵדוּת מַשְׁמִיעוֹת. פּוֹעֵל יְשׁוּעוֹת. צַדִּיק נוֹשָׁעוֹת. קִרְיַת תְּשׁוּעוֹת (הושענות להו"ר)

# דער אייביגער בונד מיט'ן הייליגן רבי'ן צופלאקערט זיך אין די הערצער פון הונדערטער תושבי קרייתינו והורי תלמידי מוסדותינו הק'

## יעדער שליסט זיך אן מיט $54 לחודש פאר מפעל פועל ישועות, צו פועלן ישועות ביים צדיק נושעות!

ז"ך וישר הושיעה נא - מיט פלאמעדיגע הערצער פול מיט געגועים גרייטן זיך תושבי קרייתינו הק', די רואי פני המלך, וואס האבן געהאט די זכיה מיטצולעבן די לעכטיגע זמנים ביים הייליגן רבי'ן זי"ע, צום צענטן יומא דהילולא קדישא, ווען אלופי אלפי ישראל פון אומעטום וועלן שטראמען צום ציון הק', זיך אויסצובעטן ישועות ורפואות ביים גרויסן פועל ישועות.

פאר תושבי קרייתינו הק' טראגט דער טאג א עקסטערע באדייט, נאך וואס מיר האבן די זכיה אנצוהאלטן דעם ירושת הצדיק, די הייליגע שטעטל און מוסדות הק' אויף וואס ער האט אוועקגעגעבן זיין לעבן און אלע כוחות אוועקצושטעלן; זיין שווארץ-אפל פון אויג די הייליגע תלמוד תורה בית יודא, וואס ער האט אויפגעשטעלט מיט'ן ציהל אז דארטן זאלן נתחנך ווערן די קומענדיגע דורות פון תלמידיו וחסידיו, אויף די זעלבע הייליגע וועגן וואס ער האט מקבל געווען מאבותיו הק'.

ברוב חסדי ה' איז מען זוכה צו זען מיט די אויגן ווי דער הייליגער רבי פון הימל, האלט אן אפן אויג אויף זיין תלמוד תורה, און זארגט פאר די וואוילזיין און בליה פון זיינע לעכטיגע קינדערלעך. די סייעתא דשמיא וואס באגלייט די געטרייע הנהלה, און די וואונדערליכע ישועות וואס עס זענען זוכה די חשוב'ע נדיבים ותומכים, ברענגען צום אויבערפלאך אז "יש לנו אב זקן" אונזער הייליגער טאטע רבינו הק' זי"ע לעבט און האלט מיט וואס דא טוט זיך, ער איז משפיע פון אויבן און פארזיכערט דאס עקזיסטענץ פון זיין הייליגער מוסד.

אין אזא צייט ווען מען גרייט זיך צו די גרויסע הילולא קדישא, איז זיכער די בעסטע שריט וואס מען קען טוען לעילוי נשמתו הטהורה, און גלייכצייטיג זוכה זיין צו א אייביגע בונד און נאנטן שייכות מיט'ן צדיק הדורות, זיך אנצושליסן אלס מעמבער אין מפעל פועל ישועות, דער צדקה קאסע וואס איז געווידמעט פאר דעם רבי'נס קינדערלעך, אויפצוהאלטן די הייליגע תלמוד תורה וואס איז די אייביגע ירושה פונעם רבי'ן עלינו ועל דורותינו.

אין צוגאב צו די גרויסע זכותים פון שטיצן דעם רבי'נס מוסד ומשאת נפשו הטהורה, זענט איר אויך זוכה אז אייער נאמען זאל ווערן דערמאנט יעדן ערב ראש חודש ביים ציון הק', דורך דעם הייליגן רבי'נס קינדערלעך, וואס וועלן אויפליינען אייער קוויטל, צינדן א ליכט, און זאגן תהלים, אויסצובעטן ישועות ורפואות בזכות דעם הייליגן צדיק וואס איז בחייו געווען אזא גרויסער פועל ישועות, וגדולים צדיקים במיתתם יותר מבחייהם.

יעדער קען טאקע אליינס ארויפגיין צום ציון בכל עת מצוא, אבער ווי אנדערש איז דאס ווען מען ברענגט מיט א פדיון פאר דעם רבי'נס משאת נפשו, און ווען די בקשות ווערן אראפגעלייגט דורך די לויטערע הבל פיהם של תשב"ר שלא טעמו טעם חטא, אזעלכע תפילות שפאלטן זיכער הימלען, און ווערן נתקבל לרחמים ולרצון.

נוצט אויס די געלעגנהייט, און האנדלט אייך איין א שותפות אין פועל ישועות, וואס וועט אייך ברענגען כל מיני ישועות ורפואות בזכותו הגדול והקדוש!

# ישועת ה׳ כהרף עין

## די וואונדערליכע כח פון תפילות תשב״ר ואמירת תהלים אצל ציון הק׳

### דורך תהלים קען מען פועל׳ן אפילו ווען תפילות העלפן שוין נישט

עס שטייט פון הייליגן רבי ר׳ אלימלך אז צומאל איז דא א גרויסע קטרוג ח״ו, און עס העלפט נישט קיין תפילות, אבער מיט תהלים (ובפרט דורך תשב״ר שלא טעמו חטא) קען מען פועל׳ן אלעס אין יעדע פאל און יעדע מצב.

(עבודה עבודה שיחות קודש לכ״ח סיון)

○

### דורך די השתטחות אויפ׳ן ציון פועל׳ט מען אלע ישועות

די אלע וואס זענען זיך משתטח אויפ׳ן ציון פונעם צדיק, וועלן זיכער פועל׳ן אלע מיני ישועות, ווייל דורך דאס גיין צום ציון פון א צדיק ווערט מען פארבינדן מיט א שטארקע קניפ צום צדיק, און מען קען דורכדעם ממשיך זיין גרויסע ישועות.

(עבודת עבודה שיחות קודש ח״ג לכ״א אדר).

○

### תפילות ביים ציון פון א צדיק ווערט מער אנגענומען

כאטש יעדער וואס בעט אין זכות פון א צדיק ווערט געהאלפן, איז אבער אסאך א שטערקערע כח ווען מען איז מתפלל ביים ציון, ווייל דאס פלאץ דארט איז מסוגל אז די תפילות זאל ווערן אנגענומען, אויך איז דא דארט א גרויסע התעוררות

(עבודת עבודה שם, פרקת עקב).

○

### תהלים ערב ראש חודש ברענגט כפרת עוונות

אזוי פלעגט מען זיך פירן אין ירושלים צו זאגן תהלים יעדן ערב ראש חודש, און האבן געזען אפענע סימנים פון הימל אז די תפילות ווערן נתקבל, ווייל דער טאג איז מסוגל צו כפרת עוונות

(ספר נזר יוסף בשם זקני ירושלים).

○

### מתפלל זיין ביים ציון פון א צדיק זאל מען דוקא ערב ראש חודש

מיין רבי דער הייליגער אר״י האט מיר געהייסן אז אויב איך גיי מתפלל זיין ביי א ציון פון א צדיק, זאל דאס זיין דוקא ערב ראש חודש, ווייל דעמאלטס איז די צייט מען צוגעפאסט צו מעורר זיין דעם זכות הצדיק

(שער רוח הקודש הקדמה לח).

# וואס איז ׳פועל ישועות׳?

- ׳פועל ישועות׳ איז א קאסע אויפגעשטעלט דורך הנהלת תלמוד תורה בית יודא ד׳טאהש, ספעציעל פאר אלע חשוב׳ע תומכים ברחבי תבל, שותפים מיט מרן רביה״ק מטאהש זי״ע אין משאת נפשו, זיין הייליגע תלמוד תורה.
- די תלמוד תורה טראגט היינט א בודזשעט פון אריבער 5.4 מיליאן דאלער יערליך, און ווערט נאר געדעקט דורך אייך, געטרייע שותפים ונדבנים החשובים.
- די תינוקות של בית רבן גייען יעדן ערב ראש חודש אריבער צום ציון הקדוש, וואו זיי זאגן אויס תהלים, זענען מזכיר די נעמען פון די איינגעשריבענע שותפים אין מפעל פועל ישועות, וואס שטיצן דעם רבי׳נס הייליגע מוסד, און זיי בעטן דארט אויס ישועות ורפואות פאר אלע חשוב׳ע נדבנים.
- פאר די סכום פון $54 חודש׳ליך, וועלן די קינדערלעך אנצינדן א לעכטל, זאגן תהלים, און אויפליינען דעם קוויטל, פאר אייער זכות.
- פאר די סכום פון $36 א חודש וועלן די קינדערלעך זאגן תהלים, און אויפליינען אייער קוויטל לזכותכם.
- הונדערטער אידן זענען קביעות׳דיגע שותפים אינעם מפעל, און זענען מעיד אויף די געוואלדיגע ישועות וואס זיי זענען זוכה צו זען אין זכות פון די ריינע תפילות תשב״ר ביים הייליגן ציון הק׳ ביום המסוגל ערב ראש חודש.

# ״אז מען טוט פאר דעם צדיק׳ס מוסד, וועט דער צדיק צוריק טון״

מתוך ברכת הקודש של כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א בעת יסוד מפעל פועל ישועות

# תלמוד תורה אפדעיטס

## פרישע כיתה צוגעבויעט נאכצוקומען וואוקס פון תלמידים בליעה"ר; זכותי הכיתה ווערן פראקלאמירט פאר נדיבים בעם

ווי שוין באריכטעט אין די שפאלטן פונעם 'צאצאינו' אויסגאבע, ווערט די ענגשאפט אין תלמוד תורה אלץ מער און מער, ווען די צאל תלמידים וואקסט בליעה"ר און די הנהלה איז געצווינגען צו טרעפן פארשידענע אלטערנאטיוון, ביז מען וועט בעז"ה קענען זען די געפלאנטע נייע גרויסע בנין התלמוד תורה געבויעט מיט'ן פולסטן פראכט און רחבות.

אלס טייל פון די מיטלען צו לינדערן כאטש עטוואס די ענגשאפט, האט מען אצינד אפגעטיילט א חלק פון דעם בית המדרש אין תלמוד תורה, וואס וועט יעצט דינען פאר נאך א כיתה, און באלד דערנאך וועט מען מוזן אראפנעמען נאך א טייל, פאר א צווייטע כיתה. דאס וועט אזוי בלייבן צייטווייליג, ביז מען וועט בעז"ה פארענדיגן דעם נייעם בנין.

די ערשטע כיתה איז אצינד פארענדיגט געווארן, נאך א קאסטבארע קאנסטרוקציע, וואס האט אריינגעצויגן דעם ריזן סכום פון 25,000 דאלער. די געטרייע הנהלה האט נישט געקוקט אויף קיין געלט און כוחות, טראץ וואס דאס מיינט א פרישע עול פון שאפן נדיבים צו דעקן די עקסטערע הוצאה, אין צוגאב צו דעם ריזיגן אנגייענדן בודזשעט.

ומכאן הקריאה יוצאה, פאר נדיבי לב וואס ווילן האבן א חלק אין תורת תשב"ר, זיך אנצורופן מיט סכומים הגונים, און זיך איינהאנדלען דערמיט די זכותים פון דער נייער כיתה, וואס וועט בעז"ה אנגעפילט ווערן מיט תורה ועבודה אין דער קומענדיגער תקופה, און דעם זכות וועט מען דערנאך קענען מיטנעמען אינעם נייעם בנין התלמוד תורה.

## העכסט געלונגענע טישן און בענק קאמפיין שליסט זיך מיט שטארקע סוקסעס

אין די פארגאנגענע וואכן איז געווארן ארויסגעשטעלט די מעגליכקייט צו קויפן טישן און בענק בקרב התלמוד תורה, נאך וואס די אלטע דעסק'ס זענען שוין געווען שטארק אפגענוצט און נישט פראקטיש צו נוצן. האט מען אצינד געקויפט נייע דויערהאפטע אייזערנע טישן, וואס וועלן בעז"ה האלטן פאר לאנגע יארן, און ווערן אויסגענוצט לתורה ועבודה דורך די לעכטיגע תשב"ר.

צו דער געלעגנהייט איז געגעבן געווארן די מעגליכקייט פאר נדיבי לב צו אפצוקויפן די זכות פון א טיש און באנק, אויף וועלכע עס וועלן ארויסגיין טויזנטער שעות תורה, תפילה, יראת שמים, מידות טובות, ברכת המזון, און רוב שעות פון טאג וואס די קינדערלעך פארברענגען ביי די טישן און בענק.

ישראל קדושים נתבעים ונותנים - גאר א שטארקער אפרוף האט זיך דערקענט צווישן תושבי קריתינו והורי המוסדות, וואס האבן זיך אנגעשלאסן מיט סכומים נכבדים אפצוקויפן די זכותים פון די 28 טישן וואס זענען געקויפט געווארן אין תלמוד תורה. אזוי אז ביז געציילטע וואכן זענען אלעס פארקויפט געווארן.

מטעם ההנהלה ווערט גאר שטארק באדאנקט פאר די חשוב'ע נדבנים, וואס האבן געהאט דעם קאפ אויפ'ן פלאץ, און באוויזן איינצוהאנדלען אזא גוטע מציאה, מיט ענדלאזע זכותים לעד ולנצח, ושכרם שמורה לעד.

## גאר רייכע דרשת חיזוק פאר די חשוב'ע מלמדים דורך הגה"צ רבי מאיר צוויבל שליט"א מח"ס נר המאיר

פארגאנגענעם מיטוואך דברים העעל"ט, איז פארגעקומען א ספעציעלע דרשת חיזוק פאר די איבערגעגעבענע מלמדי תשב"ר, דורך דעם חשוב'ן גאסט הגה"צ רבי **מאיר צוויבל** שליט"א בעל נר המאיר, וואס האט אויפגעטרעטן מיט געוואלדיגע דברי' חיזוק פאר די מלמדים אנצוגיין מיט די עבודת הקודש.

צווישן זיינע בליציגע רעיונות כדרכו, האט ער אנגעצייגט אז מלמ"ד איז ראשי תיבות ד'ע מ'ה ל'מעלה מ'מך, דאס ווייזט אז א מלמד רעדט נישט פון זיך אליינס, נאר עס איז 'שכינה מדברת מתוך גרונו', כביכול דער אויבערשטער רעדט ארויס פון איס; א מלמד ווערט ווי א טאטע פון יעדן תלמיד, און באקומט עקסטערע כוחות פון הימל פאר יעדע תלמיד עקסטער; יעדער מלמד קען און דארף בעטן פאר די הצלחה פון די תלמידים, און מען קען גאר אסאך אויס'פועל'ן.

די רייכע דרשה האט זייער שטארק מחזק געווען די חשוב'ע מצדיקי הרבים, געבנדיג זיי הויפענעס כח און מוט אנצוגיין מיט די עבודת הקודש ביתר שאת.

# יום ליום מלאכין

**א בליק אריין אין די חדר וועגס מדי יום ביומו**

## כיתות נורסערי, קינדערגארטן, א' - ג'
## בהנהלת הרב ר' **ישעי' קרויס** שליט"א

# יום ליום
### פריידיגע גריסן פון די טאג
### טעגליכע הצלחה אין תלמוד תורה

### יומא דהילולא קדישא רבינו השרף - כ"ח סיון

די גרויסע הילולא קדישא כ"ח סיון, יארצייט פון רבינו השרף מרן רבי משולם פייש ב"ר מרדכי הלוי זי"ע, איז געפראוועט געווארן אויף גאר א געהויבענעם פארנעם אין די יונגערע כיתות א' ב' און ג', וואו די קינדערלעך זענען זיך צוזאמגעקומען אין בית המדרש צו א שיינע מסיבת לחיים.

דערביי האט מען געהערט א רייכע דרשה פון הרב ר' **יצחק עזריאל פריעד** שליט"א מנהל רוחני ת"ת תורה ויראה סאטמאר מאנטריאל, וואס האט א לענגערע צייט ארומגערעדט איבער די געוואלדיגע יראת שמים פונעם הייליגן שרף, און דערביי ארויסגעברענגט די מסירת נפש וואס זיין מאמע האט געהאט אים אוועקצושיקן יונגערהייט ער זאל גיין לערנען תורה.

פון דארט איז די נושא פארקירעוועט געווארן איבער דעם רצון פונעם הייליגן רבי'ן זי"ע וויאזוי אן איד דארף גיין צוגעדעקט די קאפ אז דער קאפל זאל פארדעקן דעם גאנצן מח, כדי מען זאל האבן יראת שמים. דער חשוב'ער בעל דרשן האט גאר שטארק ארומגערעדט און מחזק געווען אלע קינדער וואס גייען ריכטיג אנגעטועט אזוי ווי דער הייליגער רבי האט געפאדערט, נאכזאגנדיג פון דער גמרא די מעשה מיט רב נחמן, וויאזוי א קאפל ברענגט יראת שמים, און חס ושלום אויב די קאפ איז נישט ריכטיג צוגעדעקט, פארלירט מען דאס יראת שמים.

די דרשה האט געלאזט א שטארקן רושם אויף די קינדערלעך, און זיי גאר שטארק מחזק געווען צו גיין אויף די הייליגע אויסגעטראטענע וועגן בתורה ויראת שמים.

### נייע פאראלעל כיתה פאר נורסערי

אין די יעצטיגע טעג איז געעפנט געווארן נאך א פאראלעל כיתה פאר דעם יארגאנג פון נורסערי, נאך וואס דער מספר התלמידים שטייגט כסדר בליעה"ר וכ"י, אזוי אז עס איז שוין נישט געווען קיין פלאץ אין די ביז יעצטיגע כיתות. די נייע כיתה פלאצירט געווארן אין דעם צייטווייליגן צוגעבויטע כיתה אינעם היכל הבית המדרש פון די עלטערע כיתות, ווי געמאלדן באזונדער אין דעם היינטיגן אויסגאבע.

די מלמדים פאר דער נייער כיתה זענען ברוכי הכשרון הר"ר חיים ארי' רובינשטיין שליט"א און הר"ר נפתלי הערש לאנדא שליט"א, וואס וועלן בעז"ה זיך אפגעבן מיט די קינדערלעך אין זייערע ערשטע טריט אין חדר.

### סיום לימוד האלף בית אין קינדערגארטן

א גרויסע שמחה הערשט אין קינדערגארטן, ווען די קינדער האבן ב"ה זוכה געווען צו פארענדיגן דעם גאנצן אלף בית, גוט איינגע'חזר'ט צו גערדענקען און נוצן אויפ'ן לעבן בסייעתא דשמיא. די גרויסארטיגע סיום איז פארגעקומען פארגאנגענע וואך פרשת עקב, די קינדער האבן זיך גאר שטארק געפרייט פאר אזא גרויסן מאמענט וואס דאס באדייט פאר זיי, נאכ'ן קונה זיין די יסודות פון א איד, וואס וועט זיי צונוצקומען עד זקנה ושיבה לאורך ימים ושנים, צו לערנען די הייליגע תורה.

במשך די קומענדיגע וואכן וועט פארקומען די חזרה, אין פארברייטערונג צו דעם האבן די קינדער באקומען א הערליכן חזרה ביכל, וואס מען חזר'ט אינדערהיים. ברוך ה' מען הערט צוריק גאר גוטע גריסן פון די חשוב'ע עלטערן שי', וויאזוי די קינדער נוצן דעם ביכל און חזר'ן דערין ווען זיי קענען נאר, איינצוקריצן אין זיך דעם הייליגן אלף בית.

## כיתות ד' - ח'
## בהנהלת הרב ר' **אהרן צבי שטעסל** שליט"א

### אייגנארטיגע מסע הקודש און 'יום שכולו תורה' לרגל יומא דהילולא קדישא כ"ח סיון

אין די טעג פון דעם גרויסן מסע הקודש וואס **כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א** האט אונטערגענומען צום עיר האבות ניר טאהש אין אונגארן, צו פוקד זיין דעם ציון הק' פונעם הייליגן **שרף** מרן רבי **משולם פייש** ב"ר **מרדכי הלוי** זי"ע, לרגל די יומא דהילולא קדישא, האבן די כיתות ז' און ח' געפראוועט זייער אייגענע מסע מרומם צוזאמענגעפלאכטן מיט א 'יום שכולו תורה'.

אלס הכנה צו דעם געהויבענעם יום שכולו תורה, האט מען געמאכט גאר פלייסיגע חזרות אויף די לימודים. דאס האט אנגעהאלטן דריי טעג מיט א דונערדיגן קול תורה. דערנאך, ביומא דהילולא קדישא, איז מען ארויסגעפארן קיין אפ-נאורט צו דעם בעלזא קעמפ, וואו מען האט געלערנט אלע כיתות צוזאמען פאר דריי גאנצע שעה מיט גרויס התמדה. דער קול האט אפגעהילכט, עס איז געווען ממש א מחזה הוד.

## נייע פראגראם "עבודת הלב" אלס הכנה דרבה צום יומא דהילולא קדישא פון מרן רביה"ק זי"ע

דערנאך האבן די תלמידים געגעסן מיטאג און געגאנגען שווימען, און פון דארט זיך געלאזט אויפן וועג צוריק אהיים, מלא וגדוש מיט שעות לימוד התורה און ווארימע תפילות.

אין די יעצטיגע וואכן איז געווארן איינגעפעדעמט א נייע פראגראם "עבודת הלב" צו שטארקן די כח התפילה אין תלמוד תורה, אלס הכנה רבה צום יארצייט פונעם הייליגן רבי'ן זי"ע, וואס האט אזויפיל כוחות אריינגעלייגט אין דעם נושא פון תפילה.

דער פראגראם וועט לויפן במשך דעם גאנצן חודש אב, באגלייט מיט גורלות יעדע וואך פאר די קינדער וואס צייכענען זיך אויס מיט א דאווענען בהתלהבות וכוונה. ראש חודש אלול הבעל"ט וועט זיך דער פראגראם שליסן מיט א שיינע מעמד פאר אלע קינדער וואס האבן אנטייל גענומען אין דעם פראגראם, ווי מען וועט באקומען א הערליכע מתנה.

## מכינה לישיבה קטנה
## בהנהלת הרב ר' **לייבוש מערמעלשטיין** שליט"א

### פייערדיגע דרשה איבער חזרת הלימודים

פארגאנגענעם מיטוואך פרשת שלח, ווען אין מכינה לישיבה האט מען זיך שוין געגרייט מיט התרגשות צו די גרויסע יארצייט כ"ח סיון, איז אראפגעברענגט געווארן פון ניו יארק דער חשוב'ער גאסט רעדנער הרב ר' **ראובן זאבעל** שליט"א מנהל מפעל קובץ על יד, וואס האט אויפגעטרעטן מיט א שטורמישע דרשה פון גאנצע דריי שעה(!), וואו ער האט אויפגעפלאקערט די הערצער איבער די חשיבות און וויכטיגקייט פון חזר'ן דאס לערנען און געדענקען, עד שיהא מחודדים בפיך.

די דרשה האט געלאזט א מורא'דיגע רושם אויף די בחורים, וואס דערקענט זיך נאך ביז'ן היינטיגן טאג, ווען די חזרות האבן באקומען א נייע פנים. די בחורים שטרענגען זיך אן און נוצן אויס יעדע מינוט צו חזר'ן די לימודים. צווישן אנדערע האבן זיך געוויסע בחורים פארהערט באלד צוואנציג בלאט גמרא בעל פה, וואס מען האט גע'חזר'ט בלויז אין די פאר וואכן.

### זומער טריפ אין כיתה מכינה לישיבה

פרשת קרח זענען די בחורים געפארן אויף א שיינעם טריפ אויף אן איידעלן פארנעם, ווי עס פאסט פאר טאהש'ע בחורים וואס לערנען פלייסיג.

דאס איז געקומען נאך א לענגערע צייט וואס די בחורים האבן זיך שטארק אויסגעצייכנט מיט התמדת הלימודים, איז מען אצינד געפארן צו סט. דזשעראם פארק, וואו די בחורים האבן געשמאק פארברענגט אונטער די אויפזיכט פון די חשוב'ע מגידי שיעור הרב ר' **משה מאיראוויטש** שליט"א און הרב ר' ***ישעי'* דוד גראס** שליט"א.

די בחורים האבן גאר שטארק הנאה געהאט, און זיך אנגעשעפט מיט פרישע כוחות, ווייטער צו לערנען פלייסיג און קונה זיין די לימודים.אזוי אויך במשך דעם זומער גייט מען שווימען איינמאל א וואך, אויב די וועטער און די מעגליכקייטן ערלויבן, וואס ברענגט א פרישקייט און א 'ריוח להתבונן בין פרשה לפרשה', די בחורים זאלן קענען פלייסיג לערנען און דאווענען מיט א צופרידנקייט.

### געהויבענע יומא דהילולא קדישא ט"ו תמוז

פארגאנגענעם דאנערשטאג פרשת בלק, ערב די יומא דהילולא קדישא פונעם הייליגן אור החיים הק', וועמענס נאמען דער הייליגער רבי האט באשטימט פאר די קהילה און ישיבה, האבן די בחורים פון מכינה לישיבה געהאט די זכיה צו דאווענען מנחה במקום קודש הקדשים, דאס הייליגע בית המדרש אונטן פון די בנין הישיבה, וואו דער הייליגער רבי האט געפראוועט זיין עבודת הקודש למעלה מהשגת אנוש.

פאר מנחה האט מען געהערט ווארימע דברי הכנה פונעם מגיד השיעור הרב ר' **משה מאיראוויטש** שליט"א, וואס האט פארציילט וואונדערליכע מעשיות וואס האבן זיך אפגעשפילט אין דעם בית המדרש, די ישועות און פלאות וואס זענען ארויסגעקומען פון צווישן די פיר הייליגע ווענט, און פון דעם חדר מיוחד פונעם הייליגן רבי'ן וואס געפינט זיך דערנעבן.

אויך האט מען געהערט ווארימע ווערטער פונעם מגיד שיעור הרב ר' יעקב הערש ווייס שליט"א, וואס האט צוגעברענגט מפי ספרים וסופרים איבער דעם אז אין א פלאץ וואו א צדיק טוט זיין עבודה בלייבט די קדושה דארט רוען.

דערנאך איז מען אראפ צום הייליגן בית המדרש, און געדאווענט דארט א פלאמעדיגע מנחה, בראשות **כ"ק מרן רבינו שליט"א.**

נאכ'ן דאווענען האט מען געהאט די זכיה צו הערן א שיחת הדרכה פון **מרן רבינו שליט"א**, וואס האט א לענגערע צייט ארומגערעדט וויכטיגע דברי הדרכה פאר די תלמידים פון מכינה לישיבה, פארענדיגנדיג מיט ברכות לרוב מען זאל ווייטער שטייגן בתורה ויראת שמים ומידות טובות.

ונהיה אנחנו וצאצאינו... כולנו יודעי שמך ולומדי תורתיך לשמה

# שמחות פלאטפארמע

## מצדיקי הרבים

שמחות מצדיקי הרבים עידן חדוותא
אצל המרביצי תורה בקרב מוסדותינו הק'

הר"ר **ברוך גאלדבערגער** שליט"א - לרגל הולדת בנו

הר"ר **יקותיאל צבי קליין** שליט"א - לרגל אירוסי בנו

הר"ר **דוד וויינגארטן** שליט"א - לרגל ארוסי בתו

הר"ר **משה יוסף קליין** שליט"א - לרגל הולדת בנו

הר"ר **שמואל פישער** שליט"א - לרגל הולדת נכדו

הר"ר **חיים לייב כהנא** שליט"א - לרגל הולדת נכדו

מו"ה **אליעזר דוד קרויס** הי"ו - פרנס נר למאור - לרגל תגלחת נכדו

מו"ה **יחיאל מיכל פריעדמאן** הי"ו - פרנס החודש לכתה - לרגל תגלחת נכדו

הר"ר **הערשל פריעדמאן** שליט"א - - פרנס היום - לרגל הולדת נכדו

הר"ר **ישעי' דוד גראס** שליט"א - פרנס היום - לרגל הולדת בנו

הר"ר **ישעי' קרויס** שליט"א - פרנס השבוע - לרגל הולדת נכדתו

הר"ר **יחזקאל וואנחאצקער** שליט"א - לרגל הולדת נינו

מו"ה **יצחק אייזיק ווייס** הי"ו - פרנס השבוע - לרגל הולדת נכדו

## בר מצוה

פרחי תלמידי מוסדותינו
הק' שנכנסו לעול התוה"מ

תלמידינו הבחור **שלום זאב** ני"ו בן מו"ה **יואל שטערן** הי"ו

תלמידינו הבחור **יעקב מאיר** ני"ו בן מו"ה **חיים נחום מערמעלשטיין** הי"ו - פרנס נר למאור

תלמידינו הבחור **אלי'** ני"ו בן מו"ה **יצחק אהרן ברייער** הי"ו

תלמידינו הבחור **מנחם נחום** ני"ו בן מו"ה **ישכר בער לייפער** הי"ו

תלמידינו הבחור **משה** ני"ו בן מו"ה **זאב יעקב גליק** הי"ו - פרנס היום

תלמידינו הבחור **בנימין זאב** ני"ו בן מו"ה **מיכל לאנדא** הי"ו

תלמידינו הבחור **אברהם שמחה** ני"ו במו"ה **יהוסף זאב מערמעלשטיין** הי"ו - פרנס היום השלם

## תגלחת בנו

שמחת החאלקא של
צעירי תלמידי המוסדות

תלמידינו היקר הילד **משולם פייש** ני"ו בן מו"ה **חנני' יו"ט ליפא גוטמאן** הי"ו

תלמידינו היקר הילד **אשר ענזיל** ני"ו במו"ה **מנחם משה עקשטיין** הי"ו - פרנס החודש לכתה

תלמידינו היקר הילד **משה** ני"ו בן מו"ה **איתמר פעלבערבוים** הי"ו

תלמידינו היקר הילד **יצחק זלמן** ני"ו בן מו"ה **בערל קליין** הי"ו

תלמידינו היקר הילד **משולם פייש** ני"ו בן מו"ה **יוסף דוד קרויס** הי"ו

תלמידינו היקר הילד **משה** ני"ו בן הר"ר **ישעי' דוד הכהן גראס** השליט"א

תלמידינו היקר הילד **משה** ני"ו בן מו"ה **שלום אלי' צוויבל** הי"ו - פרנס היום

## פנים חדשות

תלמידים חדשים שנתקבלו בין כותלי
מוסדותינו הק' להתחנך לתורה וליראה

תלמידינו הילד **משולם פייש** ני"ו בן מו"ה **משה לייב קרויס** הי"ו

תלמידינו הילד **גבריאל** ני"ו בן מו"ה **זלמן יוסף וועכטער** הי"ו

תלמידינו הילד **פסח** ני"ו בן מו"ה **בנימין כהנא** הי"ו

תלמידינו הילד **אשר יונה** ני"ו בן מו"ה **אברהם מאיר פריעדמאן** הי"ו

תלמידינו הילד **משולם פייש** ני"ו בן מו"ה **יהושע לייב קליין** הי"ו

תלמידינו הילד **שמואל יעקב** ני"ו בן מו"ה **משה אהרן פאגעל** הי"ו

תלמידינו הילד **שמואל דוב** ני"ו בן מו"ה **מענדל פעלבערבוים** הי"ו

תלמידינו הילד **מאיר** ני"ו בן מו"ה **משה פאפלאנאש** הי"ו

תלמידינו הילד **ישעי' שלום** ני"ו בן מו"ה **מענדל לייב יונגער** הי"ו

תלמידינו הילד **משה יצחק** ני"ו בן מו"ה **חיים קרויס** הי"ו

תלמידינו הילד **אשר ענזיל** ני"ו בן מו"ה **חיים קרויס** הי"ו

תלמידינו הילד **משה** ני"ו בן מו"ה **שלום אלי' צוויבל** הי"ו

תלמידינו הילד **יהושע לייב** ני"ו בן מו"ה **נפתלי קלמן ווייס** הי"ו

יזכו כולם לראות רב נחת ושובע שמחות מתוך הרחבת הדעת

# פרנסי המוסדות

**אלה שמות ידידינו היקרים שהוזילו מכיסם ונדבו זכות פרנס החודש, יום או שבוע בין כותלי מוסדותינו הק' לחודש זה**

## פרנס החודש - תמוז

הרבני הנגיד מו"ה **אהרן קרויס** הי"ו

## פרנס החודש לכתה - אב

מו"ה **יוסף צוויבל** הי"ו

מו"ה **ישראל נפתלי מערמעלשטיין** הי"ו

## פרנס השבוע

### פרשת מטו"מ

מו"ה **שמואל צבי פרושינובסקי** הי"ו

### פרשת דברים

מו"ה **יהוסף אלקנה קרויס** הי"ו

### פרשת עקב

מו"ה **יחיאל מיכל פריעדמאן** הי"ו

### פרשת ראה

מו"ה **יעקב אליעזר צוויבל** הי"ו

# לעבעדיגער גרוס



ניתוספו ספסלי: א נייע נורסערי כתה איז געעפנט געווארן



מען ציפט אראפ פון דעם ביהמ"ד צו מאכן א פרישע כתה



ביים פארענדיגן די נייע כתה אין דעם היכל הביהמ"ד

## פרנסי המוסדות

אלה שמות ידידינו היקרים שהוזילו מכיסם ונדבו זכות פרנס החודש, יום או שבוע בין כותלי מוסדותינו הק' לחודש זה

### פרנס היום - חדשי תמוז-אב

י' תמוז — הבה"ח **שמואל טעללער** נ"י

י"א תמוז — הר"ר **אברהם ברוינער** הי"ו

י"ב תמוז — הר"ר **אהרן קרויס** הי"ו

י"ב תמוז — הר"ר **אליעזר צבי שפיטצער** הי"ו

ט"ו תמוז — הר"ר **יעקב יוסף כהנא** הי"ו

ט"ו תמוז — הר"ר **חיים נחום** (ברמ"ב) **מערמעלשטיין** הי"ו

כ"א תמוז — הרה"ח **אלי' שפיטצער** הי"ו

כ"ג תמוז — הר"ר **משה אליעזר פרושינובסקי** הי"ו

ה' אב — הר"ר **יצחק אלי' ביטמאן** הי"ו

י' אב — הר"ר **יוסף לעבאוויטש** הי"ו

י"א אב — הרה"ח **יואל הלל בראך** הי"ו

ט"ו אב — הר"ר **יוסף יחיאל האלפערט** הי"ו

י"ח אב — הר"ר **יעקב אליעזר מייזעלס** הי"ו

כ"א אב — הר"ר **יחזקאל וואנחאצקער** הי"ו

כ"א אב — הר"ר **אברהם לייב ראזענבוים** הי"ו

כ"ג אב — הר"ר **משה אלי' פאגעל** הי"ו

כ"ג אב — הר"ר **פנחס דוד קעלנער** הי"ו

כ"ז אב — הר"ר **יואל אלי' קאהן** הי"ו

זכות לימוד התורה מהבל פיהם של תשב"ר יעמוד להם ולזרעם עד עולם

דייט מנדב אייער טאג/וואך וכדו. פארבינדט אייך מיט הר"ר **יוחנן מענדלאוויטש** הי"ו - 438.409.2950











חשובע נשים צדקניות!
ווען איר גייט ארויף צום הייליגן רבי'נס ציון
פארגעסט נישט מיטצונעמען א שיינעם
פדיון פאר זיין הייליגער ירושה די תלמוד
תורה ווי אייערע טייערע קינדער און
אייניקלעך לערנען די הייליגע תורה
חשובע פרויען וועלן זיצען אויפ'ן וועג
ארויף צום ציון און זיין גרייט אי"ה
אפצונעמען אייערע ווארימע נדבה
בברכת
האטס
געפועלט
אלעס גוטס!
עס וועט זיין אַ קרעדיט קארד מאַשין אויפן פלאץ




חפצו של צדיק
פאר אייער סכום פון $36 וועט איר
אריינגיין און א ווערטפולע גורל ווי איר
קענט געווינען א דאלער געבענטשט
דורך רביהקוה"ט זצ"ל וואס וועט זיין אַ
שמירה אין אייער הויז
עס וועלן פארקומען 5 גורלות
בברכת
האטס
געפועלט
אלעס גוטס!